בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת חֻקַּת

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער הִתְחַזְּקוּת, קִינְדֶער, אוּן טֶערֶעפִּי

### שְׁאֵלָה:

לְכָּבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטֶ"א אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ פֶּסַח, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן דֶעם גָאר גְרוֹיס חִיזוּק.

1) אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ טוּן נִישְׁט צוּ פַאלְן, יֶעדֶעס מָאל נֶעם אִיךְ זִיךְ פָאר פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

2) אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן וֶועגְן הָאבְּן קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן בָּ"ה צְווֵיי קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער. בַּיים פְרִיעֶרְדִיגְן קִינְד הָאט מַיין ווַייבּ גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ רָב הָאט אִיר גֶעשִׁיקְט צוּ טֶערֶעפִּי אוּן זִי אִיז בָּ"ה בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, זִי אִיז שׁוֹין יֶעצְט גְרֵייט פַאר נָאךְ, אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן דֶערשְׁרָאקְן. אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶער עֶרְלִיכֶער טַאטֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן בִּכְלָל אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אוֹיפְצוּצִיעֶן קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג אִינֶעם הַיינְטִיגְן שְׁווֶערְן דוֹר.

3) אַ חַבֵר מַיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מוּז גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פְּחָדִים פוּן מַיין קָאפּ, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל גֵיין, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

איך וועל דיר ענטפערן מיטן אייבערשטנ'ס הילף על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון

1) בנוגע וואס דו בעטסט אן עצה נישט אראפצופאלן; עס איז נישט דא קיין עצה נישט אראפצופאלן, עס איז דא אן עצה פון נאכאמאל זיך אויפהייבן. אפילו דו פאלסט אין בלאטע זאלסטו זיך אויפהייבן און נישט בלייבן ליגן דארט; דער רבי זאגט: "ווען מען גייט אין א בלאטע גייט מען א פוס אריין א פוס ארויס, דער עיקר נישט בלייבן שטיין מיט ביידע פיס"; א פוס אריין א פוס ארויס, א פוס אריין א פוס ארויס - ביז מען איז זוכה ארויס צו קריכן פון די שלעכטע מעשים.

מיר געפונען אין הלכות טריפות (חולין נא:; שלחן ערוך יורה דעה, סימן נח) אז ווען א בהמה פאלט אראפ דארף מען חושש זיין אז דאס איז א טריפה און אויב מען שחט דאס גלייך נאכן אראפפאלן טאר מען נישט עסן די פלייש, אבער אויב די בהמה הייבט זיך אויף און עס גייט - איז דאס נישט קיין טריפה; דאס זעלבע איז ביי א נפילה וואס א מענטש גייט אריבער, "נפלה" - אז מען איז אראפ געפאלן, "ועמדה" - און מען הייבט זיך אויף, מען דערהאלט זיך - איז מען נישט קיין טריפה. אזוי אויך "נפלה והלכה", אויב מען גייט ווייטער אן אין עבודת השם, מען גייט אין שול דאווענען שחרית מנחה מעריב, מען טוט חסד מיט א צווייטן און מען לערנט די הייליגע תורה - איז אויך א סימן אז מען איז נישט קיין טריפה, דעריבער בעט איך דיר טייערער ברודער דראפע זיך און דערהאלט זיך מיט אלע דיינע כוחות נישט אפצולאזן דיינע גוטע רצונות און גוטע מעשים.

2) אז דיין ווייב איז גרייט און האט כח צו מגדל זיין נאך קינדער דארפסטו נישט זיין דערשראקן; דאנק דעם אייבערשטן אז זי איז געזונט און שטארק און זי איז צוריק געקומען צו אירע כוחות, זיי נישט דערשראקן איבער אויפצוען קינדער, קינדער איז א ברכה און קינדער ברענגט אלעס גוטס. ווען דער אייבערשטער געבט קינדער קומט מיט כח, מח, שכל און פרנסה, ממילא איז א שאד אפצוהאלטן די אלע גוטע זאכן וואס ווארט אראפצוקומען.

3) בנוגע טערעפי וכו'; א שאד צו גיין צו טערעפי ווען דער טערעפיסט קען זיך אליינס נישט העלפן - איז ווי קען ער דיר העלפן... דער רבי איז אונזער דאקטער און אונזער טערעפיסט. נעם די רפואות פונעם הייליגן רבי'ן; מאך זיך א שיעור אין משניות, "משנה" איז די אותיות "נשמה", ווען א מענטש הייבט אן זאגן משניות איז ער זיך איינגאנצן משנה, מען ווערט איינגאנצן אויסגערייניגט. אזוי אויך האט משניות א סגולה אז עס שלעפט ארויס דעם מענטש פון די טיפסטע בלאטע, די ראשי תיבות פון דער

וָוארְט מִשְׁנָה אִיז (תְּהִילִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְּסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועקְגֵיין; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן לד): "מִי שֶׁאֵינוֹ מִתְוַדֶּה עַל עֲוֹנוֹתָיו, מוֹרָא בָּא עָלָיו", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶה הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא; מֶען הָאט מוֹרָא פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוּן מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן. וַוייל אַלֶע נֶערְוֶועזֶעקֵייטְן קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת; עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ נֶערְוֶועזֶעקֵייט פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט. מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן בֶּאֱמֶת אַ גוּט לֶעבְּן, עֶס פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט אוּן דָאךְ זֶענֶען זֵיי נֶערְוֶועז בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן זֵיי גִיפְּטְן זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחוֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; דָאס מֵיינְט מֶען דוּרְךְ כַּעַס. אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף.

דֶערְפַאר, זָאלְסְטוּ זֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף דַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן; זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן אַלֶעס פוּן דֶעם בְּרִיוו וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק גֵיין אוּן דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס הָאט דִי כַּלָה נִישְׁט גֶעשִׁיקְט דֶעם טַלִית פַארְ'ן חָתָן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֵיין אַסַאךְ דִי בְּרִיוָון אָוְן אִיךְ נֶעם פוּן זֵיי אַסַאךְ חִיזוּק אִין עֲבוֹדַת ה', אִיךְ בִּין בָּ"ה גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין אוּן לֶעבְּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן מְחוּתָּן וֶועגְן אוֹיסְגֶעבְּן אִיבְּרִיגֶע זַאכְן פַאר דִי חֲתוּנָה אוּן מַתָּנוֹת וְכַדּוֹמֶה [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז טַאקֶע גֶערֶעכְט מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף אֵיין זַאךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַז דֶער מְחוּתָּן זָאל זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן וֶועגְן דִי טַלֵּיתִים, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט שׁוֹין אַלֵיין קוֹיפְן פַארְ'ן חָתָן.
~~~~~~~~~~~

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז עַל פִּי קַבָּלָה אִיז דָא אַן עִנְיָן אַז דַוְקָא דִי כַּלָּה זָאל שִׁיקְן דֶעם טַלִּית פַאר'ן חָתָן, אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס בְּפֵירוּשׁ אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה מ"ט "וְזֶה הַטַּעַם לָמָּה שׁוֹלַחַת הַכַּלָּה לְהֶחָתָן טַלִּית". ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט גֶעטוּן אַזוֹי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט הַיְתָּכֵן אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס בַּאצָאלְט דֶעם טַלִּית פַאר מַיין זוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מט): "וְזֶה הַטַּעַם לָמָּה הַכַּלָּה שׁוֹלַחַת לְהֶחָתָן הַטַּלִּית", מֶען פִירְט זִיךְ דָאךְ אַז דִי כַּלָּה שִׁיקְט דֶעם טַלִּית פַאר'ן חָתָן?

אֱמֶת טַאקֶע, דֶער מִנְהָג אִיז אַז דִי כַּלָּה שִׁיקְט דֶעם טַלִּית, אָבֶּער דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּנֶעם טַלִּית אַלֵיינְס; דֶער טַלִּית אַלֵיינְס - דָאס שִׁיקְט דִי כַּלָּה פַאר'ן חָתָן אָבֶּער דִי זִילְבֶּערְנֶע עֲטָרוֹת אוּן דָאס וָואכְן בַּייטְל, שַׁבָּת בַּייטְל, גַארְטְל אוּן קִיטְל וְכוּ' וְכוּ' - דָאס אִיז שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מְחוּתָּן נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן דִי אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן, וַוייל עֶס קוּמְט אוֹיס אַסַאךְ מָאל אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן וְכוּ' צְוִוישְׁן מְחוּתָּנִים וֶוען דֶער חָתָן קוֹיפְט אַיין מֶער ווִי דֶער מְחוּתָּן אִיז ווִילִיג צוּ בַּאצָאלְן.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּנֶעם טַלִּית ווֵייסְטוּ דָאךְ אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶוען עֶר הָאט אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין טַלִּית פַאר אַ מַתָּנָה, (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעב): "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף מַיין טַלִּית אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס מְכַבֵּד זַיין, וַוייל אַזוֹיפִיל ווִיפְל הָאר דֶער טַלִּית הָאט, אַזוֹיפִיל טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן טַלִּית"; אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מִיר וֶועלְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעווִיסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ ווֵייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעפָאלְגְט וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָא

אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

[דער בריוו צו וועלכע דער אויבנדערמאנטע בריוו באציט זיך:

**זִיךְ נִישְׁט אָן חוֹבוֹת'ן פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד אוּן נַארִישֶׁע עֶטֶענְשְׁן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער מְחוּתָּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ פָאר מִיט אַפָּאר תַּלְמִידִים צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוֹיךְ מַיין זוּן דֶער חָתָן קוּמְט מִיט.

בָּרוּךְ ה׳ מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה; מִיר הֶערְן נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ טְרֶעפְן אַזַא חָשׁוּבֶ׳ע כַּלָה פוּן אַזַא חָשׁוּבֶ׳ע שְׁטוּבּ.

וואוּ טְרֶעפְט מֶען הַיינְט אַ כַּלָה מִיט מְחוּתָּנִים וָואס זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם נַארִישְׁקֵייטְן. מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ דִי חֲתוּנָה אִיז אִין יְשִׁיבָה אָן בְּלוּמֶען, אָן אַ שְׁפִּילֶער, זִינְגֶער, בַּדְחָן; אָן פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן אָן סַארְוֶוערְס וְכוּ׳, וְכוּ׳; חָתָן כַּלָה זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי טַלֵיתִים; דִי שַׁבָּת טַלִית, דִי וָואכְן טַלִית אוּן דִי קִיטְל, דָאס וֶועל אִיךְ בַּאצָאלְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן. אוֹיךְ דֶער שְׁטְרַיימְל וֶועל אִיךְ אִים קוֹיפְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף נִישְׁט דַאֲגָה׳נֶען דֶערְפַאר.

דֶער גַאנְצֶער חֶשְׁבּוֹן וָואס קָאסְט מִיר פַאר׳ן צַד הֶחָתָן וֶועט לִכְאוֹרָה אוֹיסְקוּמֶען וֶוייניגֶער וִוי עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט דִי תְּפִילִין רַשִׁ״י ור״ת פַאר׳ן חָתָן בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק מוֹהֲרָא״ש וָואס גְרָאד אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער קָאפּ, אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה. זִיךְ נִישְׁט אָן חוֹבוֹת'ן פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד, נַארִישֶׁע עֶטֶענְשֶׁן. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע
~~~~~~~~~~~

קִינְדֶער וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ בַּעֲלֵי חוֹבוֹת בְּעֵת שִׂמְחָתָם; אָן שֵׂכֶל אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּשַׁט פַארְשְׁוֶועמְט מֶען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלְלֶער, אַלְץ מִיטְ'ן תֵּירוּץ: "יֶענֶער טוּט אַזוֹי", "יֶענֶער וֶועט לַאכְן", "יֶענֶער וֶועט זָאגְן", וְכוּ', וְכוּ'. פְּרֶעג אִיךְ דִיר: אִיז נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל אַשְׁרֵינוּ?!

א גְרִיס פוּן דַיין חָתָן; אִיךְ זִיץ דָא נֶעבְּן אִים אוֹיפְ'ן פְּלִיגֶער, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי חָתָן כַּלָּה זָאלְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

[~~~~~~~~~~]

## דַארְף אִיךְ מַשְׁלִים זַיין צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סֵדֶר בְּרֵאשִׁית?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט, אוּן אִיךְ קֶען זָאגְן אַז נָאכְ'ן לֶערְנֶען צֶען יָאר אִין חֵדֶר, זִיבְּן יָאר אִין יְשִׁיבָה, אוּן זֶעקְס יָאר אִין כּוֹלֵל, אִיז יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ קֶען זָאגְן אַז אִין דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר אִיז מִיר נִישְׁט דוּרְךְ קַיין אֵיין אֵיינְצִיגְן טָאג אָן לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף גְּמָרָא, אוּן אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בְּמֶשֶׁךְ צְוֵויי גַאנְצֶע סְפָרִים, שְׁמוֹת אוּן וַיִּקְרָא. אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט אִיבֶּער סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, וָואס אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וֶועלְכֶע וָואךְ יָא אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט. דַארְף אִיךְ יֶעצְט אִיבֶּערְגֵיין גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, צוּ זַיין אַ מַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה? אָדֶער אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין פוּן סֵפֶר שְׁמוֹת אוּן וַוייטֶער? וַוייל ס'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעצְט אָנְצוּהוֹיבְּן דָאס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן אוֹיף דִי אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אַוֶועק צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ אִידִישֶׁע גֵייסְט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְּמָרָא; דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיים רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַּאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ זַ"ל, בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר", זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן פוּן נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאכְן אַן עִיקָר אוּן פוּן וויכְטִיגֶע זַאכְן אַ טָפֵל, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד לֵיינֶענְדִיג וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז שׁוֹין דוּרְךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר וָואס יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטֶע טָאג הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט גְּמָרָא; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוְוִיסְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי זִיסֶע וֶועג פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען - וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעלֶערְנְט, וַוייל יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען אוּן יֶעדֶער אִיד טוּט וֵויי וֶוען עֶר זֶעט ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אָן לֶערְנֶען אוּן אָן עֶפֶּענֶען אַ אִידִישׁ סֵפֶר, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - יֶעדֶער אֵיינֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִיטְלִיכְן מֶענְטְשׁ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, גֵייט אַרִיבֶּער וָואכְן, חֲדָשִׁים אוּן יָארְן וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט. קוּמְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט תֵּירוּצִים וְכוּ' וְכוּ' זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה; דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעשְׁפִּירְט דֶעם פַארְגֶענוּגְן וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט.

בְּנוֹגֵעַ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וְכוּ'; וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכַת יָמִים.

אַז דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער כַּמְבוֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג), זָאלְסְטוּ אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י אוֹיפְ'ן טָאג; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין

דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן". אוֹיךְ אִיז יָדוּעַ בַּיי סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים אוּן דֶעם סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. ר' מָרְדְכַי'לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי ווערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָּשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָּשׁ רַשִׁ"י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָּשׁ רַשִׁ"י".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא, אוֹת ב): "פַארְוָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי תּוֹרָה מִיטְ'ן אוֹת ב'? וַוייל אַ בֵּית אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס"; אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מַצְלִיחַ זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם זָאל קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס, נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק; דֶעריבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען חוּמָּשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ לוֹיט דִי פַּרְשָׁה אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, גֵיי וַוייטֶער כְּסִדְרָן וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידּוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אִיךְ לֶערְן אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער רוֹב פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין. אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער הֶעכֶער מִיר וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג אַ שִׁידּוּךְ, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי עֶר ווִיל בִּכְלַל אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ מָאל אוֹיף דֶעם, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק טְרֶעפְן מַיין שִׁידּוּךְ, אוּן ס'זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי עֶס וֶועט קוּמֶען אַזוֹי שְׁנֶעל.

בְּעֵרֶךְ אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פֶּעסְטֶע קַבָּלָה זִיךְ צוּ הַאלְטְן זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אִין קְדוּשָּׁה, עֶס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן בָּ"ה, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייְשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִינְדֶערְהֵיים אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִין יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ זֵייעֶר לַאנְגְוַויילִיג, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁלָאסְן וֶועלְכֶע פוּן דִי צְוֵויי אִיז בֶּעסֶער פַאר מִיר. מַיין גַאנְצֶער מֹחַ אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן.
~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהַרַ"ש זָאגְט אַז קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַ בָּחוּר אוּן דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט דוּרְךְ. אַ בָּחוּר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג אָבֶער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, בִּיז עֶס וֶוערְט אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת כְּאִילוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים וְכוּ'.**

**דוּ בֶּעטְסְט אַן עֵצָה וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז דוּ הַאלְטְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן וְכוּ'; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָּׁה אָבֶער עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט מִיט עֲבֵירוֹת, דִי תַּאֲוֹת נָאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס", אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת. רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דוּ וָואלְסְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ דַיינְס אַ נָאנְטֶער חָבֵר, וֶועט אַרָאפְּגֵיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.**

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי חָשׁוּב דִי תְּפִלּוֹת פוּן אַ בָּחוּר אִיז אִין הִימְל; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לֹא בָעִינָא הָכָא בֵּי דִינָא דְיִדוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ דַארְף נִישְׁט בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיין מִישְׁן, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ ווִיל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶעניגְן ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לֹא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְּשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְּן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלֹא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוּיף אָן קַיין רְשׁוּת;

דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ שְׁנֶעלֶער ווִי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק.

אַז דוּ לֶערְנְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן קַיין יַבְנִיאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן, מוֹהֲרָא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): **"אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְ'ן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוֹיפְ'ן גַאס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעווַאלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה יֶעדְן טָאג פוּן פְּרִישׁ, אוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי נִיגוּנִים וָואס מְ'זִינְגְט כְּסֵדֶר פַארְ'ן שִׁיעוּר, אִיךְ וֶוער יֶעדֶעס מָאל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעווַאלְדִיגֶע נִיגוּנִים, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווִי סְ'הוֹיבְּט מִיר אוֹיף, סְ'נֶעמְט מִיר אַרוֹיס פוּן אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין אִין אַזַא לִיכְטִיגֶע וֶועלְט פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה. אִיךְ וואוֹין אוֹיף אַ הוֹיפְּט גַאס אִין מַיין שְׁטָאט, אוּן יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער אִיז מַמָּשׁ אַ פַּחַד צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס וָואס אִיז פוּל מִיט אַזוֹיפִיל פְּרִיצוּת, אוּן סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, טָאג טֶעגְלִיךְ דַארְף אִיךְ פִירְן מִלְחָמוֹת מִיט מִיר אַלֵיין אַן אוֹיפְהֶער, וּבִפְרָט וָואס דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז נָאר דוּרְכְ'ן אַרָאפְּבֵּייגְן דִי אוֹיגְן בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ טוּן כְּסֵדֶר. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם, ווַייל אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**
~~~~~~~~~~~

**לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר זֶענֶען אַלֶע אִין דֶעם זֶעלְבְּן צָרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואו מֶען וואוֹינְט; מֶען קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט גֵיין אִין גַאס זוּמְמֶער, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אוֹיסְגֶעטוּן וְוי דִי חַיוֹת אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל קוּקְן וואוּ עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים, אוּן אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וִוי גְרוֹיס אוּן שְׁוֶוער דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס גֶעבְּן אוּנְז עֵצוֹת לוֹחֵם צוּ זַיין מִיט'ן יֵצֶר הָרַע; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו): וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ תַּאֲוֹת נִאוּף רַחְמָנָא לִצְּלָן, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", אוּן: "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) אַז אוֹיבּ מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה זָאל מֶען וֵויינֶען בְּשָׁעַת מֶען זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים אוּן דָאס וֶועט רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע; וַוייל וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.

וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס זָאלְסְטוּ אַרָאפְּקוּקְן בִּיז דֶער עֶרְד, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים פד.): "וְכַךְ הֲוָה רַבִּי שִׁמְעוֹן עָבִיד", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פְלֶעגְט זִיךְ פִּירְן, "כַּד הֲוָה אָזִיל בְּמָתָא וַהֲווּ חַבְרַיָּיא אַזְלִין אֲבַתְרֵיהּ", וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, "וְחָמָא לְאִינְתּוּ שְׁפִּירָאן", אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען פְרוֹיעֶן, "מָאִיךְ עֵינֵיהּ", הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט, "וַהֲוָה אָמַר לְחַבְרַיָּיא אַל תִּפְנוּ", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ד): "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, גֵייטְס נִישְׁט נָאךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ; לֵייג דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זַיין עֶרְלִיךְ", אַזוֹי אוֹיךְ פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָדֶער פוּן סַיי וואוּ - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם וואוּ דוּ דַארְפְּסְט אָנְקוּמֶען.

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס וֶועלְן שְׁרַייבְּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב׳, סִימָן יט): "מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה", וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים פוּן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען, וָואס טוּט מֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק יוֹמִי, מַיין טָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן גָאר אַנְדֶערְשׁ נָאכְ'ן הֶערְן דִי טֶעגְלִיכֶע חִיזּוּק, אוּן פְּרוּבִּיר אַז סְ'זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר בַּיים הֶערְן, נָאר אוֹיךְ צוּ "גֵיין" אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בָּ"ה בַּיים עֶנְדִיגְן דִי דְרִיטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, גְמָרָא, אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּלִיבּ מַיין אַרְבֶּעט.

אִיךְ אַרְבֶּעט גָאר אַסַאךְ שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג, מַמָּשׁ פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּייְנַאכְט, אוּן אִיךְ הָאב בִּכְלָל נִישְׁט לִיבּ דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ טוּ, אָבֶּער נָאר דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט. אוּן דָאס גֵייט אַסַאךְ סַיי אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג צַייט פַאר זֵיי, אוּן סַיי אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן לֶערְנֶען, אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מַיינֶע לִימּוּדִים גֶעהֶערִיג יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סְ'זָאל מִיר אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, וֶוייניגֶער שָׁעוֹת מִיט מֶער גֶעלְט, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**
~~~~~~~~~~

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל אוֹיף פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה 'חַתְּ"ךְ' וָואס אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶךָ'", אִיז אוֹיךְ דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'"; זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּגְלַייךְ, אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אֵיינֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוערֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן - אִיז וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קַמְצָן - אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; דִי אָרִימֶעלַייט הָאבְּן גֶעוְוּסְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר דֶער נָדִיב לֵב וָואס טֵיילְט מִיט אַ בְּרֵייט הַארְץ צְדָקָה, מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה אוּן צוּגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט.

וַיְהִי הַיּוֹם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין דֶעם גֶעוִויסְן שְׁטָאט וואוֹינְט דֶער גוּטְהַארְצִיגֶער עוֹשֶׁר, אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן אָבֶּער צוּ זַיין מַזָל הָאט עֶר זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם עוֹשֶׁר דֶעם קַמְצָן אִין אִים גֶעבֶּעטְן צְדָקָה, הָאט אִים דֶער קַמְצָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין גָארְטְן אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנַיידְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנַיידְן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן", אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דֶער אָרִימַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוֹיף שְׁפֶּענְדְלֶעךְ אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: "קוּם מִיט מִיר", אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שָׁכֵן'ס הוֹיז - דִי הוֹיז פוּנֶעם צְוֵוייטְן עוֹשֶׁר - זָאגְנְדִיג: "קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ'", דֶער אָרִימַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; הָאט עֶר אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוּן תֵּיכֶף וּמִיַד הָאט מֶען אִים אוֹיף גֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וְטוּב, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרִימַאן אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן", וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הֵייסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען

אַהֶער װאלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִינָם.

מוֹהַרַא"ש זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן אוּן גֶעלְט אוּמְזִיסְט, אָבֶּער אַז מֶען זִינְדִיגְט דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן אָפְּצוּקוּמֶען דָאס װָאס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן. דָאס הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אָרִימַאן: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בְּחִינָם.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעד מִיט אִים יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן עֶס זָאל דִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג דַיין פַּרְנָסָה אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹיפִיל מוּטְשֶׁען, וַוייל מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלְצְדִינְג בַּאקוּמֶען. זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ גְרִינְגֶערֶע פַּרְנָסָה, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה וָואס אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן צַייט צוּ לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַ נֵס אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה וֶועט דִיר אָנְקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אַסַאךְ גְרִינְגֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן פג): "אֱמוּנָה הוּא טוֹב לְפַרְנָסָה", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען פַּרְנָסָה; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

...

~~~~~~~~~~~

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ בֶּעסֶער אַהֶערְשְׁטֶעלְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר.

אִיךְ לֶעבּ בָּ"ה זֵייעֶר שֵׁיין מִיט מַיין וַוייבּ, מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, זִי וִויל זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אָנְטוּן אִינְדֶערְהֵיים לוֹיט מַיין גֶעשְׁמַאק, אִיז שַׁיָּיךְ עֶפֶּעס צוּ טוּן צוּ דֶעם?

יִישַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵי וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶעבְּסְט בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין ווייבּ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּעֶט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.). אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה. ווידֶערְאוּם פַארְקֶערְט, אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ דַאן פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה אוּן אַנְשְׁטָאט דִי שְׁכִינָה קוּמְט דֶער שָׂטָן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט זִיךְ מִיט אִיר אוּן דוּ לֶעבְּסְט שֵׁיין מִיט אִיר; מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן וְכוּ', חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן כא, דַף ס:): "וּבְנֵי נָשָׁא דְּאִינוּן שַׁטְיָין מִסְתַּכְּלִין בִּלְבוּשָׁא", נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוֹיף דִי לְבוּשׁ מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעטוּן, "אֲבָל פִּקְחָא חַכִּימָא אִסְתַּכַּל מִלְּגָאו", אָבֶּער אַ חָכָם קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן לְבוּשׁ, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי זַאךְ אַלֵיינְס.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא, אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת וֶועגְן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר עֶס טַאקֶע צוּ טוּן, אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן אוֹיב דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אַ שָׁעָה, מֵיינְט עֶס טַאקֶע אַ גַאנְצֶע שָׁעָה, אָדֶער זָאל מֶען מַאכְן וִויפִיל מֶען קֶען?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דָאס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ אַלֵיין ווייס אוּן שְׁפִּיר ווִי סַאךְ דָאס הֶעלְפְט מִיר, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן קוּמְט עֶס מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי?
~~~~~~~~~~~

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דִי הַנְהָגָה וָואס דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוּיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת.

דוּ פְרֶעגְסְט וִויפִיל צַייט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צו): "שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה", אִיךְ וִויל מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוינֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס זָאל מֶען טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, מִיט דֶעם זָאל מֶען זַיין פַארְנוּמֶען דוּרְכְ'ן טָאג, "אַךְ לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת, עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאֹד", אָבֶּער וויבאלד נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס טוּן, זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, "אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בַּה', וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת", אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כא.): "וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ", הַלְוַאי זָאל אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצְן טָאג.

דָאס וָואס דוּ בַּאקְלָאגְסְט זִיךְ אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס; דָאס קוּמְט מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווּיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוְונְט

און עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוְונְט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין און עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶועןן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָוארְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס, "וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם", אָבֶּער כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט דִי שְׁטַארְקַייט אִין אֱמוּנָה, "בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ", אִיז עֶר נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכָל אֶחָד לְפִי מִעוּט שִׂכְלוֹ וִידִיעָתוֹ", יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט ווִי וֵוייניג גֶעפִיל עֶר הָאט אִין אֱמוּנָה אַזוֹי אִיז בַּיי אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דָאס דַאוֶוענֶען.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז מֶען זֶעט ווִי מִיט אַ חַבֵר קֶען מֶען רֶעדְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת עַל דָא וְעַל הָא, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר נִישְׁט עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל אַרוֹיס צוּ זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; דָאס קוּמְט נָאר פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען זֶעט אִים נִישְׁט. דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה און אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר און ווִי דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר". אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כג): "כְּשֶׁנּוֹפֵל מֵאֱמוּנָתוֹ יִבְכֶּה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### וִויפִיל דַארְף מֶען פַארְקוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוען ס'קוּמְט צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ, נִישְׁט זוּכְן קַיין כָּבוֹד און גֶעלְט, נָאר דֶער עִיקַר אִיז חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער. ווייל אִיךְ ווייסְן ווִי וַוייט דָאס גֵייט, וויפִיל דַארְף מֶען טַאקֶע פַארְקוּקְן?

אִיךְ הָאבּ בָּ"ה אַ פַיינֶע טָאכְטֶער, און מְ'טְרָאגְט אָן פַאר אִיר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אָבֶּער קַיין אֵיינֶער פוּן דִי וָואס מְ'טְרָאגְט אָן אִיז נִישְׁט גֶענוּג גוּט אִין מַיינֶע אוֹיגְן. אִיךְ ווִיל אַ בָּחוּר וָואס זָאל זַיין אַ מְצוּיָן און אַ לֶערְנֶער און אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם, און דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וָואס אִיךְ זוּךְ. אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נֶעמֶען עֶפֶּעס שְׁוַואכֶערְס, און דִי סִיבָּה אִיז נִישְׁט וֶועגְן כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט, נָאר אִיךְ ווִיל אַן עֶכְטֶער פַיינֶער אֵיידֶעם, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ פַארְקוּקְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהַרְא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי וָואס פְלֶעגְן פְרֶעגְן אוֹיף שִׁידוּכִים וְכוּ' אַז דֶער עִיקָר זָאל מֶען נָאכְקוּקְן דֶעם בָּחוּר'ס מִידוֹת, וַוייל דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִידוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוּישְׁן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַסַאךְ יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אַלְץ בָּחוּר הָאבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע טַייעֶרֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַלְץ בָּחוּר אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לְטוֹב. ווִידֶערְאוּם מִידוֹת אִיז שְׁוֶוער אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוּישְׁן; אוֹיבּ דֶער בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִידוֹת קוּמְט אַרוֹיס דֶעם גַאנְצְן אֶמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַיָה אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ וְכוּ', אוֹיבּ דוּ זוּכְסְט בֶּאֱמֶת דִי טוֹבָה פוּן דַיין קִינְד מַאךְ אִיר אַ כַּלָּה וָואס שְׁנֶעלֶער, זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "בִּתָּךְ בָּגְרָה - שַׁחְרֵר עַבְדָּךְ וְתֶן לָהּ", נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק:): "מִפַּחְדָּהּ לֹא יִישַׁן בַּלַּיְלָה", אֵיינֶער וָואס הָאט אַ טָאכְטֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, וִוי קֶען עֶר שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן פַּחַד וְכוּ'?!

אוֹיפְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז מֶען זוּכְט פַארְ'ן קִינְד עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט דָא - דָאס נִישְׁט קַיין לִיבְשַׁאפְט, וַוייל וֶוען מֶען הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ דָאס קִינְד וָואלְט מֶען אִיר חֲתוּנָה גֶעמַאכְט וִוי שְׁנֶעלֶער; וֶוען מֶען טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם וַוייזְט דָאס אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ, נִישְׁט וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אֵיכָה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן", רַחְמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶעס הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט גֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט הַיינְט אִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים, וִוי זֵיי פַּיינִיגְן זִיךְ אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין מִיאוּס'ע עֲבֵירוֹת, וָואס מֶען קֶען וֶוען דָאס אַלֶעס אַיינְשְׁפָּארְן דוּרְךְ זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן טוּן מִיט זֵיי עֶרְלִיכֶע שִׁידוּכִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכָה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיז מֶען יוֹצֵא לִימוּד הַתּוֹרָה בְּלוֹיז מִיטְ'ן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם הָאב אִיךְ זִיךְ נָאכְמָאל גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וַוארִימֶע דְרָשׁוֹת, פוּל מִיט חִיזוּק אִין אֱמוּנָה, בִּטָחוֹן, אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ מְ'אִיז יוֹצֵא מִיט דֶעם לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן צִי מְ'קֶען אוּן מְ'דַארְף מַאכְן אַ סִיּוּם נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכֶת דוּרְךְ בְּלוֹיז זָאגְן דִי גְמָרָא?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשָׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט, נָאר עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין ווַייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.
~~~~~~~~~~~

אַוַודַאי אִיז מֶען יוֹצֵא לִימּוּד הַתּוֹרָה אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט קְלָאר: "וְאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עבודה זרה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קיט, כ): "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווַייל אַז מֶען גֶעוווֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

זָאלְסְט ווַייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט אוּן אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיג צַייט זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין דַּפִּים גְּמָרָא בַּאֲמִירָה בְּעָלְמָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מַסֶּכְתָּא זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סִיּוּם מַסֶּכְתָּא פַאר דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועסְטוּ זֶען אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַז דַיין קָאפּ וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען ווִיל גְלַייךְ אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט ווַייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל

נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶועְן מֶען לֶערְנְט נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט צוּ דוּ וָואס מַאכְן אַוֶועק דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דוּ וֶועסְט זֶען צוּ וָואס דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עיי"ש.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דִי אֱמֶת׳עֶ שִׂמְחָה וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי דִי חֲתוּנָה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

שְׁטַארְק זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים. גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ש): ״אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט - אִיז לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן״; דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט וְכוּ׳ אִיז וַוייל מֶען וִויל זֶען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה און נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי מִי זִיךְ צוּ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי מַיין שִׂמְחָה, בַּיי דִי חֲתוּנָה פוּן בְּנִי הָרַב שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר. מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט מַמָשׁ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה בַּיי דִי חֲתוּנָה, מַיין זֵיידֶע הָרַב הַגָאוֹן מִקַארְלְסְבּוּרְג שְׁלִיטָ״א הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִינְמִיטְן דִי חֲתוּנָה: ״עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לוּפְט שְׁפִּירְט מֶען דָא, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַ רֵיחַ קְדוּשָּׁה״; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲתוּנָה (עַיֵין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה יג), אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶס זָאל זַיין אֱמֶת׳עֶ שִׂמְחָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אִם יִרְצֶה ה׳ בְּקָרוֹב.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלוֹקֶת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): ״״בִּמְקוֹם מְרִיבָה - שָׁם הַשָּׂטָן״, דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָארְט אִיז דֶער ס״מ; און פוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן. אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר

אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה, זָאג אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: "שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי סָארְט מִצְוַת"; דוּ זָאלְסְט נָאר זֶען וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן. זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרָאגְן אָדֶער בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרַע פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן צְוֵוייטְן; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר צוּלִיב טוּן.

הַיינְט נאכְט וֶועט נִישְׁט פָארְקוּמֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר צוּלִיב דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר חָשׁוּב'עֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וְיִרְאַת שָׁמַיִם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר מִיט אֵייעֶר מַאן זָאלְן הָאבְּן נַחַת בַּיי אַלֶע אֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז אִיר זֶענְט גֶעזִיצְן אוּן גֶעוֵוינְט לַ"ג בָּעוֹמֶר וְכוּ'; שְׁפִּיר אִיךְ פַאר וִויכְטִיג אַייךְ מְחַזֵק זַיין אוֹיף תּוֹדָה וְהוֹדָאָה. דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם שֵׁיינֶעם גָארְטְן וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; אִיר אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פְלַאנְצְן אוּן צוּ בּוֹיעֶן, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זֶעט שׁוֹין הֶערְלִיכֶע פֵּירוֹת, עֶס צִיעֶט זִיךְ וַוייטֶער הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת. זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאשֶׁענְקֶען מִיט דָאפְּלְטֶע נַחַת.

...

~~~~~~~~~~~

חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ אוּן רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועט זִי זַיין צוּפְרִידְן. וַוייל דָאס אִיז וָואס אַ פְרוֹי וִויל אוּן דַארְף, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כא:): "רוֹצָה אִשָּׁה בְקַב וְתִפְלוּת מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת", אַ פְרוֹי הָאט מֶער הֲנָאָה פוּן אַ גוּט וָוארְט וִוי פוּן טֵייעֶרֶער צִירוּנְג וְכוּ' וְכוּ'.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט נָאר הֵייבּ שׁוֹין אָן הַיינְט דָאנֶערְשְׁטָאג צוּ מַאכְן דִי הֲכָנוֹת אוֹיפְצוּנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. מֶען וֶוערְט נִישְׁט וֵוייניגֶער וֶוען מֶען הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ; פַארְקֶערְט, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ.

רֶעג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ; אַ שָׁאד אַז דָאס לֶעבְּן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מִיט כַּעַס אוּן מַחֲלוֹקֶת. מֶען הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ אִינְגְל, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ יוּנְגֶערְמַאן, אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶער אִיד אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּם אֵייבִּיגְן אָרְט - צוּם בֵּית הַחַיִּים"; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן אִיבֶּער זַאכְן וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט מִיט נֶעמֶען. אָט גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִילָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן נָאךְ פַאר דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן, חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס"; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיין "סָאוֹשְׁל מִידִיעֶ" טָאג אוּן נַאכְט - וָואס קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן פוּן דִי קִינְדֶער? אַז דֶער טַאטֶע שְׁרֵייט אוּן שְׁלָאגְט וְכוּ' - וָואס קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן פוּן דִי קִינְדֶער? אַז דֶער טַאטֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען פְּרָאסְט אוּן זַיין גַאנְצֶע הִתְנַהֲגוּת אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט מֶענְטְשְׁלִיךְ - וָואס קֶען מֶען שׁוֹין עֶרְוַוארְטְן פוּן דִי קִינְדֶער?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט בַּחוּרִים אִיבֶּער פוּפְצְן יָאר אוּן עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס אַסַאךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי בִּכְלָלִיוּת וּבִפְרָטִיּוּת; אִיךְ רֶעד זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי בָּחוּרִים וָואס אִיךְ וִויל פוּן זֵיי, זֵיי זָאגְן מִיר: "מַיין טַאטֶע דַאוֶוענְט נִישְׁט, פַארְוָואס זָאל אִיךְ דַאוֶוענֶען?" אָדֶער: "מַיין טַאטֶע קוּקְט מָאוִויס, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט קוּקְן מָאוִויס?!" אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען וְכוּ'.

גֵיי אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אִין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן צְנִיעוּת'דִיגֶע קִינְדֶער; אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבּ דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל. אִין קֶעמְפּ לֵייג אִיךְ שְׁלָאפְן דִי בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען צְוִוישְׁן

דִּי בָּחוּרִים אַזֶעלְכֶע וָואס שְׁלָאפְן אָן נַאכְט קְלֵיידֶער וְכוּ'; בַּיי מִיר אִיז דָאס אַן עֶקְל אוּן אַ גְרוּיל, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָּאר מִיט עֶנְק, ווי אִיז עֶנְקֶער צְנִיעוּת, ווי אִיז דָאס נָארְמַאלְקֵייט? אֲפִילוּ מֶען זָאל שְׁלָאפְן אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גַאנְצֶע הוֹיז גֵייט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט אַרוּם אָן קַיין קְלֵיידֶער!" הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן אוֹיךְ אָן קְלֵיידֶער"; דַארְף אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן פָּשׁוּט'עֶ זַאכְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל אוּן נִישְׁט מֶענְטְשְׁלִיךְ אַזוֹי אַרוּם צוּ גֵיין, נָאר מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, אוּן עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט בִּיז מֶען קֶען דָאס בַּיי זֵיי פּוֹעֵל'ן. זֶע אִיךְ פוּן דֶעם אַז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ פַאר גוּטֶע קִינְדֶער אִיז דָאס הִתְנַהֲגוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~

**אַ חֲתוּנָה אָן חוֹבוֹת!**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

"אִלּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כֲּהֲמוֹן גַּלָּיו, וְשִׂפְתוֹתֵינוּ שֶׁבַח כְּמֶרְחֲבֵי רָקִיעַ וְעֵינֵינוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ, וְיָדֵינוּ פְרוּשׂוֹת כְּנִשְׁרֵי שָׁמַיִם וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת - אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְפָנֶיךָ" - אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין עֶלְצְטֶע זוּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת; מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי נִיסִים בִּיז אַהֶער.

דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה הָאט נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין גֶעלְט; אַז מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן דִיר וֶועגְן דִי חֲתוּנָה נַאכְט זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן פַארְוָואס עֶס קוּמְט בֶּאֱמֶת דֶעם קְרֶעדִיט. דֶער קְרֶעדִיט פוּן דִי חֲתוּנָה בְּחִינָם אִין יְשִׁיבָה קוּמְט נִישְׁט פַאר מִיר, דָאס אִיז נִישְׁט מַיין בֵּייפַּאל, דָאס קוּמְט פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי מוֹהַרְאַ"שׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס הָאט דָאס אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנִיאֵל ווּאוּ עֶר הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל בְּחִינָם פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אַיינְגֶעפִירְט אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן קָאכְן אוּן נֶעמֶען אַ טֵייל אִין דִי סְעוּדָה אַז עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן פַאר דִי מְחוּתָּנִים קַיין אֵיין פְּרוּטָה. מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בָּחוּרִים
~~~~~~~~~~

און מֵיידְלֶעךְ און עֶר הָאט אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גֶעהַאט, וְויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעזֶען אַז מֶען וַוארְט צוּ טוּן שִׁידוּכִים און מֶען הַאלְט אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל עֶס קָאסְט גֶעלְט, הָאט עֶר גֶעבּוֹיט דֶעם זָאל אַז עֶס זָאל זַיין בְּחִינָם כְּדַאי אַלֶע זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג.

דוּ הָאסְט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר דִי שִׂמְחָה? וָואס פֶעלְט יֶעצְט פַאר חָתָן כַּלָה? וָואס פֶעלְט פַאר אַלֶע חֲתָנִים און כַּלוֹת וָואס הָאבְּן דָא חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת?" פַארְוָואס זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט נָאכְמַאכְן וֶוען עֶס קָאסְט דִיר גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט? דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה נַאכְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז'ן סוֹף אִיז גֶעוֶוען צְלִיךְ בְּחִינָם. אַז דוּ הָאסְט אַפָּאר דָאלְלֶער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט גֶעבְּן עֶנְדֶערְשׁ פַאר דִי קָאפְּל זֵיי זָאלְן קֶענֶען אָנְהֵייבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן?

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְן דָאס נָאכְמַאכְן; מֶען וֶועט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן קַיין אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט און מֶען וֶועט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג און רֵיין.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי קָאמְפֵּיין "מַיין לֶעבְּן".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט צוּלֵייגְן אַ הַאנְט צוּם קָאמְפֵּיין וָואס מִיר מַאכְן דִי וָואךְ פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר.

רוּף יֶעצְט אָן ... נֵרוֹ יָאִיר און רֶעד מִיט אִים וָואס דוּ קֶענְסְט אַנְטֵייל נֶעמֶען אִינֶעם קָאמְפֵּיין, שְׁטֵיי נִישְׁט אִין דִי זַייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א, טו): "וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת", זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו לִדְבַר מִצְוָה וְלֹא נִמְנָה עִמָּהֶם; אַז מֶען שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט וֶוען דִי חֲבֵרִים און תַּלְמִידִים טוּעֶן אַ גוּטֶע זַאךְ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע פַארְלוּסְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בִּין מְקַיֵּים מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס מוֹהַרְנְ"תְ (מוֹהֲרָא"שׁ) הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן קַיין קִינְדֶער פוּן חֵדֶר, מֵיידְלֶעךְ פוּן סְקוּל און בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה -
~~~~~~~~~~

וֶוען דִי עֶלְטֶערְן צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד צוּ מְקַיֵים זַיין, וַוייל מֶען בַּאוַוייזְט מִיר פוּן אָפִּיס יֶעדְן חוֹדֶשׁ וֶוער עֶס צָאלְט אוּן וֶוער עֶס צָאלְט נִישְׁט, אוּן עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַאר'ן מוֹסָד אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלָלֶער. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִיטְאַמָאל וִויסְנְדִיג אוּן זֶענֶען נָאךְ בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי וָואס רוּפְן זֵיי אָן בֶּעטְן מֶען זָאל צָאלְן שְׂכַר לִימוּד כְּדֵי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס וְכוּ' וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דֶער נְשִׂיא הַמוֹסָד, עֶר הָאט גֶעגְרִינְדֶעט דִי מוֹסְדוֹת - וֶועלְן מִיר וַוייטֶער טוּן זַיין וִוילְן אוּן נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן קַיין קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶועדְלִיג דָאס גֶעלְט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר ... זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אָנְרוּפְן ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרַיי. עֶר אַרְבֶּעט פַאר דִי מוֹסָד אָן קַיין שׁוּם פְּרִיוַואטֶע נְגִיעוֹת אוּן עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער, יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע): עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִיק; פַּארְוָואס רֶעדְן מֶענְטְשְׁן אוֹיף בְּרֶסְלֶב? נָאר שׁוּלְדִיג אִין דֶעם זֶענֶען דִי וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַזוֹי אוֹיךְ לַיידְן מִיר פוּן דִי נַייעֶ מְשׁוּגַעַת פוּן "נַ, נַח"; זֵיי זֶענֶען מְבַזֶה דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב אוּן זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת צַדִיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַדִיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַדִיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם
~~~~~~~~~~~

רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיב דֶעם צַדִיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין קֵיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִיק; מִיט דַיין שֵׁיינֶע הִתְנַהֲגוּת וֶועסְטוּ מְקָרֵב זַיין אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּ אִיךְ גֵיי אוּן וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי שְׁטֶעלְן מִיר מֶענְטְשְׁן אָפּ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן גְרוּסְן פוּן תַּלְמִידִים, וִוי שֵׁיין זֵיי פִירְן זִיךְ אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט אוּן פוּן דִי גוּטֶע מִידוֹת; דָאס מַאכְט מֶען זָאל זֶען דֶעם אֱמֶת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אוּן וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט אוּנְז.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים"; אִיז וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע זִינְד אוּן דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט רֶעדְן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן מִיט'ן קָאמְפֵּיין. עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרַיי; עֶר אַרְבֶּעט פַאר דִי מוֹסָד אָן קַיין שׁוּם פְּרִיוַואטֶע נְגִיעוֹת אוּן עֶר הָאט מִיר שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער, יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין. פְרֶעג אִים וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אַז דִי קָאמְפֵּיין זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט אַ חֵלֶק אִינֶעם קָאמְפֵּיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק מְעוֹדֵד וּמְשַׂמֵחַ, עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְז וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען דוּרְךְ שְׁטוּפְּן אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~~

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "וֶוען מִיר זָאלְן וֶוען נָאר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן דִי מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי גֶעוֶוען"; כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ "דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעְלָה גְּדוֹלָה, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה", אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען גֶעבְּט אַן עֲבוֹדָה פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז עֶס נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט פַאר יֶעדְן נָאר פַאר בְּנֵי עֲלִיָּה, זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי אַז 'הִתְבּוֹדְדוּת' אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי עֵצָה; הֵייבּ אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקַייט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר'ן מוֹסָד; אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז נָאר וַוייל מִיר אַרְבֶּעטְן בְּאַחְדוּת אַלֶע תַּלְמִידִים, הֵן דִי בָּחוּרִים הֵן דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן דִי פְרוֹיעֶן - אַלֶע הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען. אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי מוֹסָד וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלוֹקֶת, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֵף'ט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען אָנְגֶעזָאגְט דֶעם מִקְוֶה אִיד אַז עֶר זָאל בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַרַיין לָאזְן רֶבִּי נָתָן אִין מִקְוֶה. דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט אָבֶער יָא גֶעוִויסְט וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר וֶועט אִים עֶפֶענֶען דִי מִקְוֶה שְׁטִילֶערְהֵייט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וֶוען יֶעדֶער שְׁלָאפְט, אַזוֹי וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן; נַאכְט נָאךְ נַאכְט פְּלֶעגְט רֶבִּי נָתָן קוּמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אִין מִקְוֶה, אַזוֹי הָאט עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז מֶען אִיז גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, מֶען הָאט אִים נָאכְגֶעקוּקְט אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר עֶפְנְט אוֹיף שְׁטִילֶערְהֵייט דִי מִקְוֶה פַאר רֶבִּי נָתָן. דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט גֶעוואוֹינְט הֶעכֶער דֶעם מִקְוֶה אוּן אַזוֹי וִוי מֶען אִיז גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶר לָאזְט רֶבִּי נָתָן גֵיין אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִינֶעם קַאלְטְן ווִינְטֶער מִיט זַיין וַוייבּ אִין צְוֵויי קִינְדֶער. אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ רֶבִּי נָתָן: "הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין דַאךְ אִיבֶּער'ן קָאפּ פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶעס וֶועגְן אַייךְ!" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֶעלְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעבְּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַאר מִיר אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר וָואס יָא, גִיבּ מִיר דַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער אוּן אִיךְ וֶועל מִיט זֵיי לֶערְנֶען", וְכָךְ הֲוָה, רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעוָואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים בְּרֶסְלֶבּ'ע חֲסִידִים.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסָדוֹת וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין אַ אִיד, מִיט קְדוּשָׁה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "גֶעלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דִיר צוּ גֶעבְּן וְכוּ', אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, גֶעבּ מִיר דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל מִיט זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן; לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זֶע צוּ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי", 'עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן' דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרַע' וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן וִויל אִים הַרְגֶ'נֶען. וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנָה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי 'ג' פַּרְסָה', דָאס הֵייסְט זַיינֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, נֶעמְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אִים אוּן זָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנָה יִשְׂרָאֵל'.

דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן מְזַלְזֵל זַיין אִין דַאוֶונֶען; קוֹדֶם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְפַּאסְן מִנְחָה מַעֲרִיב, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן שְׁנַיידְן פוּן שַׁחֲרִית, מֶען וֶוערְט אַ גַאנְצֶער תַּלְמִיד חָכָם - מֶען וֵוייסְט שׁוֹין וָואס אִיז דֶער עִיקָר דַאוֶונֶען אוּן וָואס אִיז נָאר אַ לְכַתְּחִילָה וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף אִינְגַאנְצְן צוּ דַאוֶונֶען; אַזוֹי נֶעמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁנַייד נִישְׁט קַיין שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים דַאוֶונֶען; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאוֶונֶען פוּן 'אֲדוֹן עוֹלָם' בִּיז 'עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ' וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלֶע כַּוָונוֹת וָואס אִיךְ וֵוייס, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם
~~~~~~~~~~~

דַאוֶוענֶען דַאוֶוען אִיךְ ווִי קִינְד - בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת"; וַוייל דֶער עִיקָר אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם דְרֵיידְלֶעךְ.

אַז דוּ וֶועסְט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע פַייעֶרְן פוּן גֵיהִנוֹם פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט. דֶער חִידָ"א זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם סֵפֶר מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת: "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווִילְן אִים אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִנוֹם, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ אַלֶע צַדִיקִים, עֶר שְׁרַייט: "אַבְרָהָם אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר, יִצְחָק אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר, יַעֲקֹב אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", אָבֶּער קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִים נִישְׁט; נָאכְדֶעם שְׁרַייט עֶר: "רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי", בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב, וֶוען אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב הֶערְט זַיין גֶעשְׁרֵיי פְרֶעגְט עֶר אִים צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוּן אוֹיב עֶנְטְפֶערְט עֶר 'יָא' דֶעמָאלְט נֶעמְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן; דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן 'מִשְׁנָה', "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", אוּן עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן גַן עֵדֶן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין יְשִׁיבָה וואוּ מִיר וֶועלְן זִיךְ אַלֶע פְרֵייעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**פָּשׁוּט'עֶ שִׂמְחוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט הֵייבְּן מִיר אָן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא - מַסֶכֶת עֲרָכִין; אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שׁוֹין דֶערְוֶועקְן פוּן דַיין טִיפֶע שְׁלָאף אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן פוּנְדָאסְנַיי אָן צוּ הֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן צוּם גוּטְן אוּן דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן
~~~~~~~~~~~

גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן. כָּל זְמַן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִיז מֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען אִיז מְקַנֵּא יֶעדְן אֵיינֶעם און מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', וַוייל נָאר תּוֹרָה זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ און נָאר תּוֹרָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵייליךְ.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין יְשִׁיבָה צוּזַאמֶען מִיט אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶּכֶת בְּכוֹרוֹת; מָה אָשִׁיב לַה', כָּל תַּגְמִילוֹהִי עָלָי - אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג און רֵיין. דֶער חָתָן זָאגְט מִיר נֶעכְטְן אַז עֶר פַארְפַּאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג פוּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אִין דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת זִיצְט עֶר אִין שְׁטוּבּ און לֶערְנְט אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי און אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא וְכוּ' וְכוּ'. מֶען דַארְף דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף צוּפְרִידְן און זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין יְשִׁיבָה צוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה - יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה וַוייל דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן.

הַיינְט נַאכְט קוּמְט אִם יִרְצֶה ה' פָאר דִי אַכְטֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, מֶען זֶעט וִוי דֶער חָלוֹם הֵייבְּט אָן מְקוּיָּם וֶוערְן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֵייבְּן אָן לֶעבְּן מִיט דֶעם אַז חֲתוּנָה מַאכְן דַארְף נִישְׁט קָאסְטְן קַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְלֵיינֶע סְעוּדָה פַאר דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה און בַּיים טַאנְצְן קוּמֶען דִי גוּטֶע פְרַיינְט, מֶען טַאנְצְט און מֶען אִיז מְשַׂמֵּחַ חָתָן וְכַלָּה אָן וֶוערְן אַ בַּעַל חוֹב און אָן דַארְפְן זִיךְ צוּרַייסְן און צוּפְלִיקְן. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען קוּקְן דִי חֲתוּנָה זֶען וִוי אַלֶע זֶענֶען פְרֵייליךְ און חָתָן כַּלָּה זֶענֶען מְשׁוּנֶה פְרֵייליךְ.

מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן מִיר אָפּ און מֶען אִיז מִיר מְחַזֵּק פַאר'ן חֲתוּנָה מַאכְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס מֶען אִיז 'מִיר' מְחַזֵּק, עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי וָואס מַאכְן חֲתוּנָה און וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת - זֵיי דַארְפְן חִיזּוּק צוּ טוּן וַוייטֶער דֶעם רְצוֹן ה', חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ עֶס קָאסְט זֵיי גֶעלְט. אָבֶּער פַאר אוּנְז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מַאכְן חֲתֻנָּה 'בְּחִינָם' אָן קַיין אֵיין דָאלְלֶער - מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין חִיזּוּק, מִיר זֶענֶען מְחוּזָּק וְעוֹמֵד פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַז מֶען קֶען הַאלְטְן דֶעם קָאפּ גְרָאד און נִישְׁט נָאכְגֵיין דֶעם שְׁטוּרֶם.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה און הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ חֲתוּנָה; עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין בַּיי אוּנְז וִוי אִין יַבְנִיאֵל אִינֶעם זַאל וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעבּוֹיט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס אִינְדֶערְפְרִי וֶועט זַיין בְּרִית'ן, נָאכְמִיטָאג בַּר מִצְוָה'ס און בַּיינַאכְט וֶועט זַיין חֲתוּנוֹת; אַזוֹי שְׁפִּירְט זִיךְ יֶעצְט בַּיי אוּנְז, יוּנְגֶעלַייט מַאכְן זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת פָּשׁוּט אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקַייטְן.

אִיךְ בֶּעט דיר נָאכְאַמָאל אָחִי הַיָּקָר, הֵייבּ אָן הַיינְט מַסֶּכֶת עֲרָכִין; הֵייבּ אָן לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט אַלֶעס קוּמֶען אִין פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## וַואקְסִינִירְן די קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְּרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן די וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן "מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן גֶעזוּנְט אוּן פַארְטִיג, פַארְוָואס זָאל מֶען גֶעבְּן שַׁאטְ״ס? פַארְוָואס זָאל מֶען שְׁטֶעכְן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער?!" אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ אוֹיג אָדֶער נָאךְ אַ הַאנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶס אִיז בֶּאֱמֶת שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס איר שְׁרַייבְּט, אָבֶּער מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן. אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן גֶעבְּן פַאר די קִינְדֶער שַׁאטְ״ס טוּעֶן מִיר דָאס מִיט די גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קכג): "הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר", דֶער עִיקָר אוּן דֶער יְסוֹד, אַלֶעס - אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ זַיין צוּם צַדִּיק הַדּוֹר, "וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל", אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, סַיי קְלֵיינֶע זַאכְן אוּן סַיי גְרוֹיסֶע זַאכְן, "וְלִבְלִי לִנְטוֹת חַס וְשָׁלוֹם, מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל", אוּן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶועקְקֶרִירְן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי, פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים): "אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל וְכוּ׳ וְעַל שְׂמֹאל שֶׁהוּא יָמִין"; מֶען דַארְף אִינְגַאנְצְן אַוֶועק וַוארְפְן די אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר הָאט אַן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אֱמֶת׳דִיג מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט גֶענוּמֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן די שַׁאטְ״ס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי עֶרְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מֶען אִיז בְּשִׂמְחָה הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר מִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת, אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיין פִינְגֶער אַ רִינְגל אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דֶעם דְרֵיי אוֹתִיּוֹת ג׳ ז׳ י׳, עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן שְׁמֵייכְלֶען. דִי מְשָׁרְתִים הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָא צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל אוּן וָואס אִיז דָא צוּ שְׁמֵייכְלֶען, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם רִינְגְל אוּן וָואס מֵיינֶען דִי אוֹתִיּוֹת ג׳ ז׳ י׳, הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער: "גַּ'ם זֶ'ה יַ'עֲבוֹר" - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין. יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק: "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, נֶעם דִיר אַרַיין דִי אוֹתִיּוֹת ג'ז'י' אוּן גֶעדֶענְק אַז "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין צָרָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ, כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין צָרָה טָאפְּלְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין פַּרְנָסָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זַיין ווַייבּ, זַיין פַּרְנָסָה, זַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען קַיין פַּרְנָסָה נָאר יֶעדֶע זַאךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, ווַייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען מְמֵילָא אַלְצְדִינְג, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ דֶער עִיקָר בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן נב): "צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם נֶעמֶען אֵיין מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין צוּבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאל עֶר נֶעמֶען נָאךְ אַ מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מִיט דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וַוייל אַז מֶען הָאט דִי מִדָּה וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף אִים, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן.

נֶעכְטְן אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי אַכְטֶע חַתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, מֶען קֶען חַתֲנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג אוּן רֵיין אָן קַיין חוֹבוֹת. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט זַיין מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף נָאךְ אַ חַתוּנָה.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַ שִׁיעוּר; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער וָואךְ וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער שִׁיעוּר פַאר קֶעמְפּ וַוייל קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָּאר אִיךְ אַרוֹיס מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף אִין קֶעמְפּ מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים דִי בָּחוּרִים אוֹיף צֶען וָואכְן. אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ אוֹיף דִי צֶען וָואכְן; צֶען וָואכְן פוּן 'גַן עֵדֶן', צֶען וָואכְן פוּן קְדוּשָׁה וּטָהֳרָה, וֶוען מֶען זִיצְט צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אוּן מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; הַלְוַאי וֶועסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן מִפַּעַם לְפַעַם מִיט הַאלְטְן אוּנְזֶער גַן עֵדֶן.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דָארְט כְּסֵדֶר בְּרִיוְון פוּן הִתְחַזְקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' ווִיל צוּרִיק גֵיין וואוֹינֶען נֶעבְּן אִיר מִשְׁפָּחָה וַוייל זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'; מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ וֶועט זִי מַסְכִּים זַיין צוּ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין... חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה – בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דָאס אִיז דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן – פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.
~~~~~~~~~~~

חוּץ מִזֶּה וֶועסְטוּ פַארְדִינֶען אוֹיךְ אִין פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט מְחוֹזָא (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ, כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועט אִיר וֶוערְן רַייךְ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר וֶועט זִי מַסְכִּים זַיין צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִיר וואוּינֶען וואוּ דוּ ווילְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם אַזוֹי צֶעמִישְׁט וְכוּ', אָנְגֶעפוּלְט מִיט סְפֵיקוֹת אוּן יֶעדֶע רֶגַע ווילְסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ - דָאס קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. עַצְבוּת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ; כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת: "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה דַאן אִיז עֶר אַ פְּרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הֵייבּ אָן קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. וֶוען דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס פַאר אַ צָרוֹת עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי גֶעקְרֶעכְצְט; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַיידְן נֶעבֶּעךְ יִסּוּרִים, אַזוֹיפִיל קִינְדֶער לִיגְן אִין שְׁפִּיטֶעלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. וֶוען דוּ וָואלְסְט אַרַיין גֶעטְרַאכְט אִין דֶעם וָואלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעכַאפְּט אַ טֶענְצְל צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקָּאצְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה פוּן כַּעַס, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ וַוארְטְן אִין אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע צִימֶער בִּיז עֶר וֶועט אִים אַרַיין רוּפְן. בִּיז דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אִינֶעם אָנְוֶועזְנְהַייט פוּנֶעם חָסִיד אַז עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם חָסִיד. אַזוֹי הָאט דֶער גַבַּאי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּב אוּן 'בְּטָעוּת' אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַ קַאוֶוע, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָעוּת, הָאט זִיךְ דֶער חָסִיד אָנְגֶערוּפְן צוּם גַבַּאי: "סְ'אִיז גוּט, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט". נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער גַבַּאי אָנְגֶעטְרָאטְן אוֹיפְן פִּיס אוּן זִיךְ וִוידֶער אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גַבַּאי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אִיד הָאט זִיךְ קַיין אֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם חָסִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט מִיט דַיין כַּעַס, דֶער גַבַּאי הָאט דִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן דוּ רֶעגְסְט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיף", הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט פַארְ'ן גַבַּאי אַז עֶר זָאל מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָּה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען אִיךְ וַוייס אַז מֶען פְּרוּבִּירְט מִיר יֶעצְט אוֹיס'".

הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אָט דִי וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָּה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען פְּרוּבִּירְט יֶעצְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ', וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעגְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן וָואלְסְטוּ זִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט"; דַארְפְסְטוּ דָאס אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר כְּדַאי דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן, דֶעמָאלְט וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף וְכוּ' אוּן קֵיינֶער קוּמְט דִיר נִישְׁט וְכוּ', נָאר וָואס דוּ הָאסְט אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְן מִיט דֶעם וֶועט דִיר אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֶעצְטֶע שִׁיעוּר דָא אִין שְׁטָאט בִּיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָּארְן מִיר אִין קַאנְטְרִי וֵויילְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן דִי בֵּיימֶער. אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ אוֹיף דִי צֶען וָואכְן פוּן זוּמְמֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי"; אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען מָארְגְן בַּיים שִׁיעוּר אוּן אוֹיךְ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמְמֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִיט אַ בִּילְד פוּן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה. אֱמֶת טַאקֶע דֶער עִיקָר אִיז זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס, וֶוען אוּן וואוּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד): "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶונֶען - נִישְׁט דַאוֶונֶען, דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אָבֶּער עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אַ פְּלַאץ אָן אַלְקָאהָאל אוּן אַ פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם שׁוֹין אַ בֶּעט וַוייל דָאס יָאר וֶועט מֶען נִישְׁט אַריין לֵייגְן מֶער וִוי אַכְט בֶּעטְן אִין אַ צִימֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן חִינוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טְרַאכְט גוּט אַרַיין וֶועסְטוּ זֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין וֶועג אִין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן קִינְדֶער.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער; אַוַדַאי דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פָאלְגְן אוּן זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע אִיז טַייעֶר אוּן חָשׁוּב, מֶען דַארְף זֵיי בַּאלוֹינֶען פַארְ'ן פָאלְגְן אוּן קַנְסְ'נֶען אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתַּם זִיךְ אוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זַייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וַויינֶען יֶעדְן
~~~~~~~~~~~

טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דוּ מֵיינְסְט אַז דַארְפְסְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְפִּירְן? דַארְפְסְט נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְפִּירְן; בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים. הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אַ טַעַם אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען זִינְגְט אַרַיין בִּשְׁעַת דֶער חָתָן זָאגְט זַיין פְשֶׁעטְל, אַז מֶען ווִיל אִים וַוייזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן: "נִישְׁט אַלְץ דַארְף מֶען אוֹיסְפִירְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוִויס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט אָפְּ מִיט דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר אוּן דוּ הָאסְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן זִיךְ דֶעם טָאפְּלְטְ'ן לֶעבְּן וְכוּ'; יֶעצְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן בִּכְלָל אוּן בִּפְרָט צוּ קֶענֶען בַּייקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת. יֶעצְט וֶועט עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְן בֶּעסֶער וֶוען דוּ וֶועסְט נִישְׁט לֶעבְּן אַ טָאפְּלְטֶע לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין עֶדִיקְשְׁן וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קוּקְן מָאוִויס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוֹיף דֶעם אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה - דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג עֶר זָאל דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי תַּאֲוָה.

אֲפִילוּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דוּ ווִילְסְט אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוִויס; דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, ווַייל בֶּאֱמֶת ווִילְסְטוּ טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, נָאר ווִיבַּאלְד דוּ הָאסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וְכוּ' אִיז דִיר זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס אָפְּצוּלָאזְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת ווִילְסְטוּ אַ גוּט לֶעבְּן, אַ זִיס לֶעבְּן אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וָואס דָאס קוּמְט בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים כ.) אַז אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף עֲבֵירוֹת: "הַוְיָין לוֹ בָּנִים שֶׁאֵינָן מְהוּגָּנִין", וֶועט מֶען הָאבְּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ דָאס אָפְּצוּלָאזְן.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, עֶס זָאל זַיין נָאר לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מִיר אוּן מַיין מַאן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס, עֶס צִיעֶט מִיר שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס אָפְּלָאזְן אוּן אַיינְזֶען דִי נַארִישְׁקַייט פוּן קוּקְן מָאוִויס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט בִּיז אַהֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט שוּלְדִיג, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְץ יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ קוּקְן אוּן יֶעצְט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דֶעם, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן".

זֶע צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ, אָדֶער אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים עֵצוֹת אוּן חִיזוּק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין אַ אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אָ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~

נִישְׁט אַלֶעס דַארְף גֵיין אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט; הָאסְט חַתוּנָה גֶעהַאט דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דַיין וַוייבּ תְּחִי', פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מֵיינוּנְגֶען הָאט זִי אוֹיךְ אִירֶע מֵיינוּנְגֶען אוּן דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר טוּישׁ דַיין אוֹיפְפִירוּנְג וִוי שְׁנֶעלֶער וַוייל דִי אַלֶע וָואס שַׁאפְן אוֹיפְן צְוֵוייטְן עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט בַּיים סוֹף, עֶס פְּלַאצְט אִינְגַאנְצְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִיטִּין ז.): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לֵייגְן אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ, וַוייל בַּיים סוֹף פְּלַאצְט אַלֶעס אוּן מֶען קוּמְט צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן חַזַ"ל פִירְן אוֹיס: "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלשׁ עֲבֵירוֹת - גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִילוּל שַׁבָּת", אַז מֶען לֵייגְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ וֶועט מֶען צוּם סוֹף צוּקוּמֶען צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת: 'גִילוּי עֲרָיוֹת', 'שְׁפִיכוּת דָּמִים' אוּן 'חִילוּל שַׁבָּת'.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ', וֶועט דַיין וַוייבּ זַיין גוּט צוּ דִיר אוּן זִי וֶועט אַלֶעס טוּן פַאר דִיר, זִי וֶועט גֵיין אִין פֵייעֶר אוּן אִין וַואסֶער פַאר דִיר, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין, זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיפְהֶערְן שְׁרֵייעֶן אוּן אוֹיפְהֶערְן טֶערֶערָאזִירְן; אַזוֹי פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַזוֹי שַׁארְף; אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה, אִיךְ צִיטֶער אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צוּפַאלְן. בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ אַ טַייטְשׁ בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מֵאִיר'ל פוּן פְּרֶעמִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ז, יד): "כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת" - "כַּף אַחַת", כַּף אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אַיינְבֵּייגְן (כְּפִיפָה), אַז אַ מֶענְטְשׁ בֵּייגְט זִיךְ אַיין זַיין גַאֲוָה פַאר זַיין וַוייבּ, "עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת", וֶועט עֶר וֶוערְן רַייךְ אוּן הָאבְּן שֶׁפַע.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן יח): "הַבַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹנוֹת - עַל פִּי רֹב הֵם בַּעֲלֵי תַּאֲוַת נִיאוּף", דִי בַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹנוֹת זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת; הֶער אוֹיף מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אַזוֹי סַאךְ אוּן מַאךְ שָׁלוֹם.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

**פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים אִינֶעם נֵייעֶם שְׁטֶעטְל.**
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי יצ"ו.

אִיר זֶענְט פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים צוּ בּוֹיעֶן אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר וֶועלְן מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מוֹהֲרַנ"ת הָאט אוּנְז דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא עֵקֶב, סִימָן ו; הוּבָא בְּרַשִׁ"י דְּבָרִים ח, א): "אִם הִתְחַלְתָּ בְּמִצְוָה, גְּמוֹר אוֹתָהּ", אִיר זֶענְט גֶעוֶוען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מִשְׁפָּחוֹת וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אִין בְּרוּקְלִין, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אוֹיךְ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מִשְׁפָּחוֹת אַרַיין צוּ שִׁיקְן אִינֶעם מֵיידֶל סְקוּל, יֶעצְט זֶענְט אִיר דִי עֶרְשְׁטֶע צוּ עֶפֶענֶען מוֹסְדוֹת אִין לִיבֶּערְטִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר שְׁטוּב וֶועט דִינֶען אַלְץ אַן אַכְסַנְיָא לַתּוֹרָה וּלְתְפִלָּה, מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב מִיט אַ מִנְיָן.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר הָאבְּן שֶׁפַע, בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועסְטוּ אַלֶעס טְרֶעפְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט הַנָּאָה פוּן דִי סֶעט "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן; דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן פְרַאגֶעס. עֶס אִיז מַמָּשׁ וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' בַּאטְרֶעפְט (קֹהֶלֶת י, יט): "יַעֲנֶה אֶת הַכֹּל"; אַלֶעס שְׁטֵייט דָארְט, דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר וֶוערְט מֶען קְלָאר אוּן מֶען טְרֶעפְט תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַלֶע סְפֵיקוֹת.
~~~~~~~~~~

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר פְלֶעגְט זֶען וִוי יוּנְגֶעלַייט זוּכְן פַאר'ן דַאוֶונֶען אִין חַסִידִי'שֶׁע סְפָרִים שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס וֶועט זֵיי דֶערְוַוארֶעמֶען דָאס הַארְץ צוּ דַאוֶונֶען בְּכַוָּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען מִישְׁט אַהֶער אוּן מֶען מִישְׁט אַהִין, מֶען נֶעמְט אֵיין סֵפֶר אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ סֵפֶר, בִּיז מֶען גֵייט דַאוֶונֶען אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעזָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אַרוֹיס גֶעבְן סְפָרִים וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן מִישְׁן אַהִין אוּן אַהֶער, נָאר וואוּ אִימֶער מֶען וֶועט עֶפֶענֶען וֶועט מֶען גְלַייךְ טְרֶעפְן אַ שְׁטִיקְל וָואס מֶען וֶועט וֶוערְן דוּרְכְדֶעם צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' בַּאטְרֶעפְט (תְּהִלִּים קיח, ח): "טוֹב 'לַחֲסוֹת בַּיהוה מִבְּטֹחַ' בָּאָדָם"; דָאס אִיז בְּקִיצוּר דִי זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו פוּן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' אוּן פוּן דִי אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו אִין אִידִישׁ: 'טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם', מֶען זָאל זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם זַייעֶר אַנְטוֹישְׁט וֶוען מֶען זֶעט אַז יֶענֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "אוֹיבְן אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן וֶוען דוּ קֶענְסְט וֶוען לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְנְקַייט"; וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' הֵייבְּט אָן לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא בַּיי אִים קַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז גוּט, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' בַּאטְרֶעפְט (קֹהֶלֶת ח, ה): "לֹא יֵדַע דָּבָר רָע"; וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט דָאס, אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען קְלָאר אִין דִי אֱמוּנָה.

נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ - קֶען עֶר זִיךְ טְרֶעפְן אִין דֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'. עֶס אִיז מַמָּשׁ וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן עח) אַז דֶער דִיבּוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֵם הַבָּנִים', וִוי אַ מַאמֶע וָואס גֵייט אַלֶעמָאל נָאךְ אִיר קִינְד אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד פַארְשְׁמִירְט זִיךְ וֶועט דִי מַאמֶע דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְלָאזְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ לא, יט): "כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ, זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד"; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דִי וֶוערְטֶער: "זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד" בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', דָאס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, וַוייל דֶער סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, זַייט אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק כז) הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט; מַיינֶע אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן חִיזוּקִים נֶעם אִיךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון, אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֶועל דָאס דְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן קַיין אוֹיפְהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִידְן, "כָּל יִשְׂרָאֵל", אִיז בְּגִימַטְרִיָא 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

...

~~~~~~~~~~

**הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אִיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים; אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף אוּן הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, דָאס וֶועט אָפְּוִוישְׁן אַלֶע דַיינֶע זִינְד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָּאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: רֶעכְן אִיךְ כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוֹבִיעֶן צוּזַאמְקוּם (בִּיז נָאךְ קֶעמְפּ וֶועט נִישְׁט זַיין נָאךְ אַ צוּזַאמְקוּם דָא אִין שְׁטָאט), בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי צוּזַאמְקוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶעם זוּמֶער; נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ עֶרְנְסְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן צוּ טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר בַּאשֶׁענְקֶען מִיט נָאךְ נִיסִים.

בְּנוֹגֵעַ זוּמֶער וְכוּ'; פוּן אֵיין זַייט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין אִינְדְרוֹיסְן מִחוּץ לָעִיר בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אָן דִי וַוייבּ. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַרוֹיס צוּ קוּמֶען וִוי מֶער צוּ דַיין וַוייבּ; הַלְוַאי וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט אִיר. אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז אִין שְׁטָאט אוּן דוּ דַארְפְסְט זַיין אִין שְׁטָאט יֶעדְן טָאג, זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן וִוי מֶער אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ אִיר וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

פַאר דַיין טוֹבָה וֶועגְן - פַאר דַיין אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן אוּן פַאר דַיין אִיצְטִיגֶע לֶעבְּן, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרַאסְט אִידִישׁ, זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן עַד הַיּוֹם הַזֶּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַחֲנוּנִים עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ עֶרְנְסְט קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטְס וָואס מֶען טוּט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוּוִיסְט וִוי חָשׁוּב דוּ בִּיסְט אִין הִימְל מִיט דַיינֶע זְכוּתִים וָואס דוּ טוּסְט וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.
~~~~~~~~~~~

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עוֹסֵק זַיין אִין 'הַפָּצָה', צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'הַפָּצָה', קוּק אַרַיין אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידַן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְט'ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, עיי"ש.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט זוּמֶער אִין קֶעמְפּ; אֱמֶת, עֶס קָאסְט טַאקֶע אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת'עֶ בְּלִיק וָואס מֶען בַּאקוּמְט אַלְץ בַּיים רֶבִּי'ן בִּכְלָל אוּן זוּמֶער בִּפְרַט, וֶוען מֶען אִיז צוּזַאמֶען דִי צֶען וָואכְן - אִיז דָאס בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין טֵייעֶרֶע פְּרַייז אוֹיף וָואס מֶען וָואלְט וֶוען בֶּאֱמֶת גֶעדַארְפְט צָאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט מֶען זָאל אִים גֶעבְּן לֶעבְּן, מֶען זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען שְׁלוֹם בַּיִת אוּן מְחַזֵּק זַיין אָנְצוּהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וְכוּ' וְכוּ'.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן דִי קֶעמְפְּס - סַיי דִי בָּחוּרִים קֶעמְפּ אוּן סַיי דִי מֵיידְל קֶעמְפּ; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן צוּ זֶען דִי קֶעמְפּ וואוּ מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין אֱמוּנָה אוּן אִין קְדוּשָּׁה וְכוּ' וְכוּ'. אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ אוֹיפְן זוּמֶער צוּ זִיצְן אִין קֶעמְפּ אוּנְטֶערְן בוֹים אָטֶעמֶען דִי רֵיינֶע לוּפְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

אִיךְ שִׁיק דִיר בִּילְדֶער פוּנֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת ווָאוּ מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמב): "דַע שֶׁיֵּשׁ בְּחִינַת אֲרִיךְ אַנְפִּין בַּקְּלִפָּה", עֶס אִיז דָא אַ קְלִיפָּה פוּן אָרִיךְ אַנְפִּין, "וּמִי שֶׁפּוֹגֵעַ בְּאִשָּׁה מִבְּחִינָה זוֹ קָשֶׁה לוֹ לְהִנָּצֵל מֵהִרְהוּר וְאַף אִם יַעֲצִים עֵינָיו, אַף עַל פִּי כֵן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ", אוּן וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אֲפִילוּ עֶר ווֶעט אַרָאפְּקוּקְן אוּן צוּמַאכְן דִי אוֹיגְן ווֶעט עֶס אִים נָאכְלוֹיפְן, "כִּי הִיא בְּחִינַת אֲרִיךְ אַנְפִּין שֶׁל הַקְּלִפָּה, שֶׁהֵם פָּנִים אֲרֻכִּים וְעַל כֵּן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ", ווֶען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, ווַייל ווָאוּ מֶען גֵייט אוּן ווָאוּ מֶען קוּקְט זֶעט מֶען דִי קְלִיפָּה רַחֲמָנָא לִצְלַן, "וְדַע שֶׁצְּדָקָה הוּא סְגֻלָּה גְּדוֹלָה וּמוֹעֶלֶת מְאֹד לְהִנָּצֵל מֵהִרְהוּרֵי נִאוּף", אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז צְדָקָה אִיז אַ סְגוּלָה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דֶעם.

אַז דוּ זוּכְסְט אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי קְלִיפָּה אִין ווָאס דוּ דֶערְטְרוּנְקְסְט זִיךְ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן ווָאס פַארְשְׁפְּרֵייט דִי אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווֶער עֶס ווִיל פַארְרֶעכְטְן ווָאס עֶר הָאט אַלְץ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט.

זֶע צוּ לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג ווַייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז הֲבֵל הֲבָלִים. אַ שָׁאד דִי פְּלָאג אוּן דִי מִי ווָאס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט, עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער נָאר דָאס בִּיסְל גוּטֶע מַעֲשִׂים, תּוֹרָה תְּפִילָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים ווָאס מֶען כַאפְּט אַרַיין.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד ווָאוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵּךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. שְׁטִילֶערְהֵייט ווַאקְסְט אוֹיף אַ נַייעֶ דוֹר ווָאס דַארְפְן גָארְנִישְׁט, זֵיי ווִילְן נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּם אוּן הֶער זִיךְ אוּנְטֶער דִי שְׁמוּעֶסְן אִין
~~~~~~~~~~~

חֶדֶר צְווִישְׁן דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן אִין סְקוּל צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי בָּחוּרִים, יֶעדֶער דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, יֶעדֶער לֶעבְט מִיט אַ חַיּוּת.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֶעבְּן מָארְגְן קַיין שִׁיעוּר, אִיךְ פָּאר אַרוֹיס אִין קֶעמְפּ מִיטְן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט פַאר מִיר; אִיךְ דַארְף אַסַאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין הַיינְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב" מַאנְטִיסֶעלָאו, וואוּ אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוּנְטֶערְן בּוֹים. עֶס אִיז מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא; מָה אָשִׁיב לַה' - כָּל תַּגְמִילוֹהִי עָלַי, אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף אֱמוּנָה, קְדוּשָׁה אוּן טָהֳרָה.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט קוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן פוּן אוּנְזֶער חַבוּרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' לִיפָּא (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ"; פַאְרוָואס זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט אַיינְזַאם, אֵיינֶער אַלֵיינְס? קוּם אִין קֶעמְפּ זַיין צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיט'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הִתְבּוֹדְדוּת; פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַלֶעס וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן.

...

~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; אַלֶעס וֶועט זִיךְ נָאךְ טוּישְׁן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה"; בַּיים סוֹף וֶועט זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס אִין אָנְהֵייבּ הָאבְּן אִים אַלֶע אוֹיסְגֶע'רוֹדְפְ'ט, זַיין טַאטֶע מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וַוייט אַז זַיין טַאטֶע הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיין שְׁוֶוער אַנְטְקֶעגְן אִים און הָאט גֶעהֶעצְט זַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ גֶט'ן פוּן אִים (דָאס הָאסְטוּ נִישְׁט ב"ה), אָבֶּער בַּיים סוֹף הָאבְּן אַלֶע שָׁלוֹם גֶעמַאכְט מִיט אִים און אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז זַיין טַאטֶע פְלֶעגְט אִים רוּפְן מִיט טִיטְל: "רֶבִּי" נָתָן.

אַזוֹי וֶועט זַיין בַּיי דִיר, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט שֵׁיינֶע מִידוֹת. דוּ פוּן דַיין זַייט פְּרוּבִיר צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן און דַיין וַוייבּ'ס עֶלְטֶערְן; אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן חֵטְא פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן און פַאר'ן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב זָאלְסְטוּ זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן אַ שֵׁיינֶע הוֹדָעָה (מֶעסִידְזְשׁ), צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "אַ גוּט שַׁבָּת טַאטִי", "אַ גוּט שַׁבָּת מַאמִי", "אַ גְרוּס פוּן דִי קִינְדֶער"; וֶועסְטוּ זֶען אַז צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט זִיךְ אוֹיפְלָאזְן דִי הַארְטֶע אַייז.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ ... עֶר זָאל דִיר פַארְדִינְגֶען אַן אָפִּיס אִין מֵיידְל קֶעמְפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן בַּיי דִיר, עֶס זָאל נָאר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער.

...

~~~~~~~~~~~~

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט, שְׁטַארְק דִיךְ אוֹיף וַוייטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מֶען טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן.

בִּפְרַט אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אִין בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, אַ מָקוֹם פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְוַואקְסְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה - דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.
~~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, סַיי אִין מְלוּמְּדוּת אוּן סַיי אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר מִיט דִי קִינְדֶער; דוּ דַאוְונְסְט מִיט זֵיי אוּן דוּ זָאגְסְט מִיט זֵיי שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט אַזַא נְעִימוּת, אַזוֹי אוֹיךְ זִיצְטוּ מִיט זֵיי בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט פָאר אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה נֶעמְסְטוּ דֶעם עוֹל אַז אַלֶעס זָאל זַיין עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיוּת הֶעלְפְסְטוּ צוּ פַארְדִינְגֶען דִי בֶּעטְן אִין אוּמַאן אוּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב זֶעסְטוּ אַז אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן אוּן דָאס אַלֶעס טוּסְטוּ אָן קֵיין שׁוּם נְגִיעָה, אָן קֵיין גֶעלְט נָאר שֶׁלֹּא עַל מְנַת לְקַבֵּל שָׂכָר.

דַאנְק אִיךְ דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אוּן דוּ וֶועסְט זֶען וִוי דָאס אַלֶעס וֶועט דִיר צוּרִיק קוּמֶען, דוּ וֶועסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

~~~~~~~~~~~

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חַיּוּת צְווִישְׁן דִי יוּנְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד מֵיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרַיי זִיךְ זַייעֶר אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען זוּמֶער אִין מֵיידְל קֶעמְפּ צוּזַאמֶען מִיט דִי יוּנְגֶעלַייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חַיּוּת צְווִישְׁן דִי יוּנְגֶעלַייט, יֶעדֶע שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זֵיי צוּזַאמֶענֶעמֶען ...סַיי פְרַייטִיג צוּנַאכְטְס, דִי וַוייבְּלֶעךְ וֶועלְן גֵיין זִינְגֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ לִכְבוֹד שַׁבָּת, אִין דִי זַייט זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דִי יוּנְגֶעלַייט זִינְגֶען אַבִּיסְל זְמִירוֹת אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זָאלְסְטוּ פָארְלֶערְנֶען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ פָארְלֶערְנֶען שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

טַייעֶרֶער ..., עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ קְהִילָה וָואס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַ פְּלַאץ וואו מֶען וֶועט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן בּוּשָׁה אוּן אַ פְּלַאץ וואו מֶען הָאט זִיךְ לִיב אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אֲפִילוּ יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע דֵיעוֹת וְכוּ׳.

אִיךְ הָאב אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי מֵיידְל קֶעמְפּ.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מ'לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט אַלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מֵיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא.

קוּק זִיךְ גוּט אַרוּם אוֹיפְ'ן וֶועלְטְל וָואס גֵייט פָאר; מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן, שְׁוִויצְן אוּן רַייסְן זִיךְ אִיבֶּער פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען לֶעבְּט אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען אַלְט, מֶען וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָיוֹת קִנִּים ג, ו): "זִקְנֵי עַם הָאָרֶץ, כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין דַּעְתָּן מִטָּרֶפֶת עֲלֵיהֶן", מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט, וִוי עֶלְטֶער זֵיי וֶוערְן אַלְץ מֶער נַארִישׁ, דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעקְלַאפְּט וֶוערְן זֵיי, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, מֶען כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דֶעמָאלְט (שָׁם): "כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין", וִוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט, "דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן", וֶוערְט מֶען מֶער בַּאזֶעצְן, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט דִיר דִי אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען זָאל אַרוֹיסְכַאפְּן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוּנְטֶערְן בּוֹים אִין מַחֲנֵה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלַב, מָאנְטִיסֶעלָאוּ; אִיךְ בִּין פְרִיעֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, אוֹיפְן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט דְרֵיי מָאל חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ! מִיט'ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד קֶען מֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס צוּם קַאנְטְרִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**הֵייבּ הַיינְט אָן פוּנְדָאסְנֵיי אוּן הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן יֶעדֶע נַאכְט אַנְדֶערֶע תִּירוּצִים וואוּ צוּ גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ' וְכוּ', דוּ הָאסְט דָאךְ אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ'! זִי וִויל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר אַ גַאנְצְן טָאג אַבִּיסְל צוּ שְׁמוּעֶסְן; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ לוֹיפְן צוּ
~~~~~~~~~~

מֶענטְשְׁן וָואס דַארְפְן דיר נִישְׁט פַאר דַיין אִינְטֶערֶעסֶע, זֵיי ווִילְן דיר נָאר פַאר זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דיר דֶעם בְּרִיוו מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ, גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֶעקֶל צַייט, קוּים אוֹיף אַרָאפּ צוּ שְׁלִינְגֶען דִי שְׁפַּייעֶכְץ; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ צוּ טוּן אִין אֵיין טָאג... אִיךְ שְׁרַייבּ דיר דֶעם בְּרִיוו מִיט בְּלוּט וַוייל אִיךְ ווִיל דיר הֶעלְפְן, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר בַּאלִיבְּט ווִי מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; יֶעדֶער תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אִיז בַּיי מִיר ווִי אַן אֵייגְן קִינְד, נִישְׁט אַ בְּחִינָה נָאר בְּפוֹעֵל מַמָּשׁ.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין טֶעלֶעפָאן פוּן דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ הָאבּ דיר דָאס שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן; עֶס שְׁטֶערְט דַיין וַוייבּ אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט מִיט אִיר, זִי וֵויינְט צוּ מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, זִי הָאט דיר לִיבּ, זִי ווִיל הָאבְּן דֶעם לֶעבְּן פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָּה וֶוען דַיין קָאפּ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען קְלָאר אוּן רֵיין, וֶוען דוּ הָאסְט נָאר אִיר גֶעזֶען אוּן גֶעטְרַאכְט נָאר פוּן אִיר.

הֵייבּ הַיינְט אָן פוּנְדָאסְנַיי אוּן הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין; יֶעדֶע אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט אִין שְׁטוּבּ, לְמָשָׁל וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם חוּמָשְׁ'ל אָדֶער דֶעם מִשְׁנַיוֹתְ'ל וָואס זֵיי זֶענֶען דַיינֶע נָאנְטְסְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי וֶועלְן דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

זָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים; בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אִיךְ קֶען אוֹיךְ נוּצְן אַבִּיסְל תְּפִילָּה פוּן דִיר, בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ זַיין וַוייטֶער מִיטְ'ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן; ווִי נִישְׁט ווִי הָאסְטוּ דָאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מִיר אַבִּיסְל גוּטְס וְכוּ' וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; מוֹהָרַא"שׁ אִיז דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים אוּן וואוּ מֶען טוּט וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע זַיינֶע יָארְן וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ פִירְן לוֹיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

הֶער נִישְׁט צוּ צוּ דִי וָואס לֶערְנֶען פְּרִישׁוּת אוּן חוּמְרוֹת וְכוּ', וַוייל חוּמְרוֹת נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְש פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס זֶעט אוֹיס דֶערְהוֹיבְּן, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען וֶוערְט אַן עוֹבֵד אָבֶּער בֶּאֱמֶת קֶען דָאס זַיין אַ טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְש פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. מִיר הָאבְּן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ; נֶעם דִיר דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּאר דַיין וֶועג וַוייזֶער אוּן רִיר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק דֶערְפוּן, נִישְׁט אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען אוּן נִישְׁט צוּצוּלֵייגְן – וֶועט דִיר אֵייבִּיג גוּט זַיין.

וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז: פָּאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַּאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אוֹיף דֶער עֶלְטֶער".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִיר וַוייל אִיךְ בְּלַייבּ מִיט דִיר; מַיין גוּף אִיז אִין קָאנְטְרִי אָבֶּער מַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה טְרַאכְט פוּן דִיר אוּן פוּן אַלֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

מַאכְן דֶעם עֵירוּב אַרוּם דֶעם נֵייעֶם מֵיידְל קֶעמְפּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד מֵיין טֵייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיטְ'ן מַאכְן דִי עֵירוּב אַרוּם דֶעם נֵייעֶם מֵיידְל קֶעמְפּ.

פַּארְיָאר הָאסְטוּ מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם עֵירוּב אִינֶעם בָּחוּרִים קֶעמְפּ וָואס שְׁטֵייט נָאךְ יֶעצְט נָאכְ'ן אַרִיבֶּערְגֵיין אַ גַאנְץ יָאר – ווִינְטְן, שְׁנֵייעֶן אוּן רֶעגְן, דוּ הָאסְט דָאס גֶעמַאכְט גוּט שְׁטַארְק אוֹיף אַן אוֹפֶן אַז עֶס זָאל זִיךְ גוּט הַאלְטְן. בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט דָאס מַאכְן אִין מֵיידְל קֶעמְפּ אוֹיךְ אוֹיף אַן אוֹפֶן עֶס זָאל זִיךְ גוּט הַאלְטְן.
~~~~~~~~~~~

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט בָּנֵי חַיֵי מְזוֹנֵי רְוִיחֵי; עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז דֶער וָואס מַאכְט אַן עֵירוּב אִיז זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע נִסִים, בִּפְרַט אִין זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז יָדוּעַ דֶער סִיפּוּר אַז אַ אִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַּאר אַ בְּרָכָה אוּן דֶער יֵיטֶב לֵב הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל מַאכְן דֶעם עֵירוּב, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיב דוּ קֶענְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין אַ וֶועג מִיט צוּ הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר גְמָרָא יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַּאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטָאט; עֶס גֵייט מִיר בְּנַפְשִׁי אַז אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט אוֹיפְהוֹיבְּן דִי פְּרַייזְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מֵיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

ווארויל אִיז דִיר אוּן ווארויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטֶעטְל עַל שֵׁם רַבֵּינוּ; אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען עֶרְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג וִוי מוֹהַרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע טוֹבָה, זָאלְסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר אַלֶע וָואס וִוילְן קוֹיפְן אָדֶער דִינְגֶען אַ הוֹיז אִינֶעם שְׁטֶעטְל אַז דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן אַלֵיינְס, מֶען מוּז זִיךְ וֶוענְדְן צוּם ״וַעַד הַקִּרְיָה״ אוּן נָאר דוּרְךְ זֵיי קֶען מֶען קוֹיפְן אָדֶער דִינְגֶען. וֶוער עֶס וִויל גֵיין אַלֵיינְס וְכוּ׳ וֶועט נִישְׁט הָאבְּן אַ מָקוֹם בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד.

עֶס זֶענֶען דָא יְחִידִים וָואס זוּכְן נָאר צוּ מַאכְן גֶעלְט, זֵיי קוֹיפְן פַּאר אִינְוֶועסְטְמֶענְט וְכוּ׳ אוּן דוּרְכְדֶעם הֵייבְּן זֵיי דִי פְּרַייז פוּנֶעם גֶעגְנְט, דֶערִיבֶּער מוּז אִיךְ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אוּן נִישְׁט לָאזְן אַז דִי פְּרַייזְן זָאלְן זִיךְ הֵייבְּן.

גֶעדֶענְק, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר נִישְׁט פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן; מִיר זֶענֶען פוּן דִי אַנְשֵׁי בַּעַל תְּפִלָּה אוּן אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז נָאר ווילַאנְג אוּנְזֶער קָאפּ לִיגְט נִישְׁט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן.
~~~~~~~~~~~

דו גֶעדֶענְקְסְט דָאךְ אַוַודַאי וְוי מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע צֶען פִינְגֶערְס און זָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט: "אִיךְ בִּין רֵיין פון תַּאֲווֹת מָמוֹן", "אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פון דִי וֶועלְט אָן הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ פְּרוּטָה פון אַ צְוֵוייטְן"; אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אִיךְ קֶען זָאגְן אַז אִיךְ לִיג נִישְׁט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן און מֶען קֶען מִיר נִישְׁט אוּנְטֶערְקוֹיפְן מִיט גֶעלְט.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט, און אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי פְּרַייזְן כְּדֵי אַז יוּנְגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיט שַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ, מֶען זָאל הָאבְּן גְרוֹיסֶע דִירוֹת פַאר בִּילִיג וָואס מֶען זָאל קֶענֶען דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דו וֶועסְט טוּן מֵיין ווִילְן און דו וֶועסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דִינְגֶען אַ דִירָה פַאר זֵיי רֶעדְן צוּם "וַעַד הַקִּרְיָה", וָואס זָאלְן זָאגְן צִי דִי פְּרַייז פון דִי רֶענְט אִיז נָארְמַאל אָדֶער אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן.

דו קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְן.

בֶּעפַאר דו הוֹיבְּסְט אָן דַיין טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר פַאר אַפָּאר מִינוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

...

~~~~~~~~~~

**דִי יְשִׁיבָה פון אֱמוּנָה; אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צְנִיעוּת פון דִי קִינְדֶער; זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט מִיט סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים צוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אִידְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף דו וֶועסְט קוּמֶען מִפַּעַם לְפַעַם זוּמֶער אִין קֶעמְפּ כְּדֵי צוּ הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער און אַיינְטוּנְקֶען דַיין קָאפּ אִין דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): פַארְוָואס רוּפְט מֶען אַ יְשִׁיבָה מִיטְן נָאמֶען 'יְשִׁיבָה'? נָאר "כְּשֶׁיֵּשׁ רַבִּי אֲמִתִּי עִם תַּלְמִידִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְקַבֵּץ וְנִתְלַקֵּט חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה", ווַייל דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק לֶערְנְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אֱמוּנָה, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְעַל כֵּן נִקְרָא לִמּוּד הָרַב עִם הַתַּלְמִידִים יְשִׁיבָה, עַל שֵׁם קִבּוּץ חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה, כִּי הָרַב הוּא מַשְׁגִּיחַ עַל חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וּלְהַעֲלוֹתָם", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קא, ו): "עֵינַי בְּנֶאֱמְנֵי אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי", 'לָשֶׁבֶת עִמָּדִי' אִיז אַ לָשׁוֹן פון 'יְשִׁיבָה', עַיֵּין שָׁם.
~~~~~~~~~~

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת׳דִיג; פְּרִיצוּת אִיז נִישְׁט זִיס, צְנִיעוּת אִיז זִיס! אַלֶע וָואס קוּמֶען אִין קֶעמְפּ בַּיי אוּנְז דַארְפְן אָנְטוּן דִי קִינְדֶער צְנִיעוּת׳דִיג, פוּן וֶוען אַ מֵיידְל וֶוערְט דְרֵיי יָאר דַארְף זִי גֵיין אָנְגֶעטוּן אוּן צוּגֶעדֶעקְט אִירֶע פוּס. דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן פוּן פִירְן אַ צְנִיעוּת׳דִיגֶע שְׁטוּבּ, רְאֵה הִזָּהֲרְתִּיךָ.

טְרָאג שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אַז וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אַ אִיד זָאלְסְטוּ אִים קֶענֶען מְזַכֶּה זַיין מִיט דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~